געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת אחרי-קדושים תשפ"ה
גליון קמ"ב שנה ד'

## פרשת אחרי

### נדב ואביהוא זענען געשטארבן ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט מחנך זיין מיט זיי די מזבח של מעלה דערפאר האבן זיי נישט באקומען די ציווי פון 'אל יבא בכל עת'

**אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו... דבר אל אהרן אחיך ואל יבא בכל עת אל הקודש...** (טז, א-ב)

פארוואס דארף די תורה זאגן אז די שני בני אהרן זענען געשטארבן "**בקרבתם לפני ה' וימותו**", לכאורה איז גענוג אז עס שטייט "**אחרי מות שני בני אהרן**"? און בכלל, וואס פעלט אויס די הקדמה פון "**אחרי מות שני בני אהרן**" צו די אזהרה פון "**ואל יבא בכל עת אל הקודש**"? (ועי' רש"י)

נאר אין מדרש ווערט געברענגט (ויקרא רבה כ, ח) אז נדב ואביהוא זענען געשטארבן ווייל זיי זענען אריין אין היכל שתויי יין, נאך א טעם ווערט דארט געברענגט, ווייל זיי זענען אריין לפני ולפנים אן רשות. אבער למעשה איז זייער שווער צו זאגן אז וועגן דעם זענען זיי חייב געווארן מיתה, ווייל זיי זענען דאך נאכנישט געווען אנגעווארנט אויף דעם, ווייל די אזהרה נישט אריינצוגיין אין היכל נאכן טרונקען ווין איז געזאגט געווארן ערשט נאך וואס זיי זענען געשטארבן (לעיל י, ט), אזוי אויך דער איסור נישט אריינצוגיין לפני ולפנים איז געזאגט געווארן נאך זייער שטארבן, איז וועלכע טענה קען מען האבן צו זיי?

אלא מאי מוז מען זאגן ווי רש"י זאגט דארט אויפן פסוק (שם פס' ג) "**הוא אשר דיבר ה' לאמור בקרובי אקדש**" אז דער אויבערשטער האט שוין לכתחילה באשטימט צו הייליגן דעם משכן דורך מיתת נדב ואביהוא, ווייל ער האט געוואלט מחנך זיין די מזבח אויבן אין הימל מיט די נשמות פון די צוויי הייליגע צדיקים. אזוויי די גמרא זאגט (מנחות קי.) אז אויבן אין הימל איז דא א מזבח אויף וועלכע דער מלאך מיכאל איז מקריב קרבנות, און תוספות ברענגט דארט (ד"ה ומיכאל) אז דאס זענען די נשמות פון צדיקים.

ממילא איז אינ'אמת'ן לכתחילה שוין באשטימט געווארן אז נדב ואביהוא זאלן נסתלק ווערן ביי חנוכת המשכן, נאר וויבאלד עס איז דאך נישט דא קיין מיתה אן קיין חטא האבן זיי געדארפט האבן עפעס א חטא, און טאקע דערפאר האט דער אויבערשטער בכוונה נישט אנגעווארנט פארדעם נישט אריינצוגיין שתויי יין און נישט אריינצוגיין בכל עת אל הקודש, כדי נדב ואביהוא זאלן נישט נזהר זיין אין דעם, און פאר אזעלכע גרויסע צדיקים ווי זיי איז דאס גערעכנט געווארן פאר א חטא כאטש זיי האבן נאכנישט באקומען קיין אזהרה אויף דעם.

לויט דעם שטימט זייער גוט פארוואס די תורה הייבט אן "**אחרי מות שני בני אהרן**" - אז דער ציווי פון 'ואל יבא בכל עת אל הקודש' איז געקומען דייקא נאך וואס נדב ואביהוא זענען געשטארבן, און דער פסוק איז מדגיש אז די סיבה פארוואס זיי זענען געשטארבן איז נישט ווייל זיי זענען אריין לפני ולפנים אן רשות, נאר "**בקרבתם לפני ה'**" זיי האבן געהאט א ספעציעלע סיבה ווייל מען האט זיי געדארפט **מקריב זיין פאר'ן אויבערשטן** מחנך צו זיין די מזבח של מעלה, וועגן דעם "**וימותו**", און טאקע וועגן דעם איז ביז יעצט נישט געקומען די ציווי פון 'ואל יבא בכל עת אל הקודש' כדי זיי זאלן האבן א חטא אין וואס זיך אנצוהענגען.

אבער אהרן הכהן האט דער אויבערשטער נישט געוואלט אז ער זאל שטארבן, וועגן דעם האט ער דייקא יעצט געגעבן די אזהרה ווי דער פסוק זאגט ווייטער "**ואל יבא בכל עת אל הקודש**" אז ער זאל זיך היטן נישט אריינצוגיין לפני ולפנים אין יעדע צייט "**ולא ימות**" כדי ער זאל נישט שטארבן, ווייל אהרן דארף דאך נישט שטארבן, ממילא האט ער טאקע באקומען די אזהרה זיך צו היטן נישט אריינצוגיין אן רשות.

### יעדער האט א שייכות מיט קדושת הקרבנות ווייל שחיטה כשרה בזר און שלמים איז נאכל לכל אדם

**למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם אשר הם זובחים על פני השדה והביאום לה' אל פתח אוהל מועד אל הכהן וזבחו זבחי שלמים לה' אותם.** (יז, ה)

לכאורה איז דער אויספיר "**וזבחו זבחי שלמים**" אז זיי זאלן עס שחט'ן פאר א **שלמים** איבעריג, ווייל דער עיקר וואס די תורה קומט דא זאגן איז, אז די אידן מוזן ברענגען זייערע קרבנות נאר אין משכן און זיי טארן נישט שחט'ן קיין קרבנות אינדרויסן, איז וואס איז מיר א חילוק וועלכע קרבן זיי ווילן מקריב זיין?

נאר דער פסוק זאגט קודם אז די אידן זאלן ברענגען זייערע קרבנות "**אל פתח אוהל מועד אל הכהן**" די תורה דרוקט אויס אז עס פעלט אויס צוויי זאכן, סיי **קדושת המקום** און סיי **קדושת המקריב**, וועגן דעם דארף מען ברענגען דעם קרבן "**אל פתח אוהל מועד**" כדי דאס זאל האבן קדושת 'המקום', און "**אל הכהן**" כדי דאס זאל באקומען קדושת 'המקריב'.

אויב אזוי וועט א איד שפירן ביי זיך אז ער האט גארנישט מיט די קדושה פונעם קרבן חוץ דאס אז ער ברענגט עס, און די גאנצע קדושה נעמט זיך נאר פון קדושת המקום און פון קדושת הכהן וואס איז דאס מקריב, אבער ער אליין ווייל דאך אויך האבן עפעס א שייכות מיט די קדושה פונעם קרבן!

וועגן דעם ענדיגט צו דער פסוק אז דער בעה"ב האט אויך א שייכות מיט'ן קרבן מיט צוויי זאכן: איינס, "**וזבחו**" - אז ער קען שחט'ן דעם קרבן, ווייל שחיטה איז דאך כשרה בזר. און צוויי, "**זבחי שלמים**" אז די פלייש פון א שלמים איז דאך **נאכל לכל אדם**, ממילא האט יעדער א שייכות מיט די קדושה פון די קרבנות.

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי׳ לו המחבר למליץ
אם יהי׳ לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק׳
## להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

## הגליון נתנדב

לזכות
**חיים מרדכי** בן **אסתר**

בזכות הפצת תורת רבינו זי״ע ישלח לו הקב״ה מהרה רפואה שלימה לרמ״ח אבריו ולשס״ה גידיו בתוך שאר חולי ישראל

# פרשת קדושים

## דער פרשה האט משה רבינו אויסגעלערנט פאר אלע אידן גאנצע פיר מאל

**דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו...** (יט, ב)

זאגט רש״י: ווייל עס שטייט "**דבר אל כל עדת בני ישראל**" לערנט מען ארויס "**מלמד שנאמרה פרשה זו בהקהל**" אז דער פרשה איז געזאגט געווארן פאר אלע אידן צוזאמען, ווייל אין דעם פרשה ליגט רוב גופי תורה.

דארף מען לכאורה פארשטיין, וואס איז דער פרשה אנדערש פון די גאנצע תורה, די גאנצע תורה האט דאך משה רבינו געזאגט **פאר אלע אידן**?

נאר די גמרא זאגט (עירובין נד:) אז דער סדר וויאזוי משה רבינו האט איבערגעגעבן די תורה שבעל פה איז צוגעגאנגען, אז משה רבינו האט געלערנט תורה מפי הגבורה, נאכדעם איז אהרן הכהן אריין און משה רבינו האט אים דאס אויסגעלערנט, דאן האט אהרן זיך געזעצט לינקס פון משה און זיינע קינדער זענען אריין און משה רבינו האט זיי אויסגעלערנט די הלכה, דאן האט אלעזר זיך געזעצט רעכטס פון משה און איתמר לינקס פון אהרן און די זקנים זענען אריין און משה רבינו האט זיי אויסגעלערנט די הלכה, נאכדעם זענען אריין אלע אידן און משה רבינו האט זיי אויסגעלערנט די הלכה. קומט אויס אז אהרן האט געהערט יעדע הלכה פון משה 4 מאל, זיינע קינדער האבן געהערט יעדע הלכה 3 מאל, די זקנים 2 מאל, און אלע אידן 1 מאל.

קען מען זאגן, אז דאס קומט רש״י זאגן: "**מלמד שנאמרה פרשה זו בהקהל**", אז דער פרשה האט משה רבינו לכתחילה געזאגט **פאר אלע אידן צוזאמען** נישט לויטן געהעריגן סדר פון איבערגעבן די תורה, ווייל ׳רוב גופי תורה תלויים בה׳, האט ער געוואלט אז אלע אידן זאלן דאס הערן פון זיין מויל גאנצע 4 מאל.

## "עמיתך" מיינט איינער וואס איז דומה צום דיין דאס מיינט א תלמיד חכם

**בצדק תשפוט עמיתך.** (יט, טו)

אין מסכת שבועות (ל.) דרש׳נט די גמרא: **בצדק תשפוט** "**עמיתך**" - "עם שאתך בתורה ומצוות השתדל לדונו יפה", און די גמרא איז מסביר, אז אויב א תלמיד חכם האט א דין תורה דארף מען אים מקדים זיין פאר אנדערע. איז משמע דארט אז "עם שאתך בתורה ומצוות" גייט ארויף דייקא אויף תלמידי חכמים.

איז לכאורה שווער, ווייל אין מסכת בבא מציעא (נט.) דרש׳נט די גמרא פון "**ולא תונו איש את עמיתו**" (ויקרא כה, יז) - "עם שאתך בתורה ומצוות אל תונהו", אז מען טאר נישט ווי טון פאר קיין שום איד. זעט מען דאך דארט אז "עם שאתך בתוורה ומצוות" גייט ארויף אויף יעדן איד נישט נאר אויף א תלמיד חכם?

קען מען ענטפערן זייער פשוט, ווייל דער פסוק "**בצדק תשפוט עמיתך**" רעדט צו די דיינים, אז א דיין דארפן משפט׳ן ריכטיג, און א דיין איז דאך זיכער א תלמיד חכם, ממילא איז מסתבר אז דארט קומט "**עמיתך**" מרבה זיין דייקא א **תלמיד חכם** וואס איז דומה בדומה מיט׳ן דיין. משא״כ דער פסוק "**ולא תונו איש את עמיתו**" רעדט דאך צו גאנץ כלל ישראל אז קיין שום איד טאר נישט ווי טון זיין חבר, און מען רעדט נישט דארט דייקא פון א תלמיד חכם, ממילא איז מסתבר אז דארט קומט "**עמיתו**" מרבה זיין **יעדן איד** ווייל סוף כל סוף איז ער "עם שאתך בתורה ומצוות".

## ביי פאת הראש שטייט בלשון רבים אז אפילו אויב א רבים ווילן מקיף זיין פאת הראש איז אסור

**לא תקיפו פאת ראשכם ולא תשחית את פאת זקנך.** (יט, כז)

פארוואס די איסור פון בל תקיף אויף די פאות הראש זאגט די תורה בלשון רבים "**לא תקיפו**", און די איסור פון בל תשחית אויף די פאות הזקן זאגט די תורה בלשון יחיד "**ולא תשחית**"?

נאר עס ווערט געברענגט (עי׳ אבן עזרא ושאר ראשונים) אז דער טעם פארוואס מען טאר נישט אפשניידן די פאות הראש איז ווייל די כנענים פלעגן זיך פירן ארומצושניידן די האר פון זייער קאפ. אויב אזוי וואלט מען געקענט טראכטן, אז אויב אסאך אידן צוזאמען וועלן אנהייבן ארומצושניידן די פאות הראש אפשר וועט דאס זיין מותר, ווייל איך דארף שוין נישט מורא האבן אז דאס וועט נאשלעפן נאך מנהג הגוים, ווענן דעם דרוקט די אויס בלשון רבים: "**לא תקיפו פאת ראשכם**, אז אפילו אויב א רבים וועלן איינפירן אינאיינעם דעם מנהג בלייבט דאס ווייטער אסור, ווייל עס האט א טיפערע טעם חוץ די איסור פון מנהג הגוים.

אבער ביי פאת הזקן, וואס ווי באוואוסט האבן אפילו די כנענים אין די פריערע דורות אכטונג געגעבן נישט צו שניידן די בארד, אויב אזוי איז דאך פשוט אז דא איז נישט די טעם ווענן מנהג הגוים ווייל אפילו די גוים פירן זיך דאך אויך נישט צו שניידן די בארד. ממילא איז פשוט אז ביי דעם וועט נישט העלפן אז א רבים צוזאמען פירן זיך אזוי, ווענן דעם שרייבט די תורה דעם איסור בלשון יחיד: "**ולא תשחית**" **את פאת זקנך**.

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868